# א פארלוירענער ברסלב'ער פרינץ אין ניו דזשוירזי



אין א קליינע געגענט אין ניו דזשערסי זיצט א קליינע הייזקעלע. אין דעם הייזקעלע זענען מיר געווארן, האט ביז עטליכע יאר צוריק געוואוינט א איד מיט'ן נאמען פינחס. ער איז נפטר געווארן אין עלטער פון ניינציג יאר, אבער א גאנצן לעבן איז ער געווען גייסטיש "יונג", מיט א קלארן קאפ און שארפן זכרון.

דער דאזיגער איד - לויט ווי מיר האבן זיך דערוואוסט - איז נישט קיין אנדערער ווי ר' פינחס אדעסער, דער "בן זקונים" פון הרב החסיד המופלא רבי ישראל דוב אדעסער זצ"ל, איז דאס ריכטיג? האט רבי ישראל דוב ביז נישט לאנג צוריק פארמאגט א זון וועלכער האט נאך געדענקט דאס שיינע לעבן ביים טאטן זצ"ל אינדערהיים, אזוי ווי עס איז געווען צענדליגער יאר פארדעם, א קינד וועלכער איז א "כלי ראשון" צו די אלע וואונדערליכע סיפורים וועלכע ווערן דערציילט איבער זיין געהויבענעם טאטן?!

איז נאך דא א לעבעדיגער עדות וועלכער וועט אונז קענען אריינברענגען אביסל טיפער אין דער וואונדערליכן לעבן פון א געהויבענער טאטע, דער געהויבענער און איבערגעגעבענער איד פון טברי', וועמענ'ס "קרן ההפצה" באוויזט נאך וואונדער ביז צום היינטיגן טאג?!

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז יא!

אט האט איר א שמועס מיט'ן "מוזשיניקל" פון רבי ישראל דוב אדעסער זצ"ל, דער קינד וועלכער געדענקט זיין טאטן דער עובד השם זיך אומקערנדיג אהיים צעביילט אזש ביז בלוט, אבער פריילין און צופרידן ווי כאילו עס האט גארנישט פאסירט!

דער קינד וועלכער געדענקט דעם טאטן זצ"ל זיך אראפזעצענדיג אויפ'ן באנק מיט זיינע קינדער זאגן תהלים מיט טרערן' פאר די רפואה פון א שכנ'טע וועלכע האט זיי שאדן געמאכט און מצער געווען יארן, אבער אין די מוניטן וואס זי איז געווען קראנק און זיך גענויטיגט אין רחמי שמים מרובים, איז דער טאטע דארט געווען פאר איר מיט אזא שטארקע רחמנות; דער קינדל וועלכער געדענקט דען טאטן - א איד מיט א זעלטן פלא'דיגן כאראקטער, וועמענס נאמען איז באקאנט ביז צום היינטיגן טאג

## דער טאטע וועט אהיימקומען אויף שבת

באלד ביים אנהויב פונעם שמועס שטעלט זיך ארויס אז די הארץ פון ר' פינחס אדעסער איז פול מיט בענקעניש נאך זיין גרויסן טאטן זצ"ל, איבער וועמען ער רעדט נישט קיין סאך שוין צענדליגער יארן.

אין זיינע צוואנציגער יארן האט ר' פינחס חתונה געהאט צו אן אמעריקאנער מיידל און זיך באזעצט אין אמעריקע, דאהי אין אמעריקע האט ער אויפגעשטעלט זיין שיינע הויז; אינאיינעם מיט זיינע מוצלח'דיגע געשעפטן, און פון דאן אן האט כמעט קיינער נישט געוואוסט איבער'ן יחוס פונעם לאקאלן מוצלח'דיגן געשעפטסמאן. דאס איז די סיבה פארוואס אויסער דעם שמועס רעדט ר' פינחס קיינמאל נישט מיט קיינעם איבער זיינע געפילן, און דאס איז אויך די סיבה פארוואס דורכאויסן שמועס שטעלט זיך ר' פינחס אפ איינמאל און נאכאמאל אפצואווישן זיינע טרערן פון בענקשאפט.

"איר קענט די ברסלב פון היינט, הויבט ר' פינחס אן, "צענדליגער טויזענטער חסידים, ישיבות מוסדות, כבוד און הערצה, אבער היינט איז נישט קיין גרויסע חכמה צו זיין א ברסלב'ער חסיד, איך וועל אייך דערציילן וואס עס האט געמיינט צו זיין א ברסלב'ער יונגל פאר זעכציג יאר צוריק"...

ר' פינחס מישט צוריק אויף דעם זכרון צו איינע פון זיינע קינדערישע טעג אין די שטאט טברי', און די זכרונות שווימען ארויף איינס נאכ'ן אנדערן: ענק פארשטייען נישט וואספארא מסירות נפש עס איז געווען פונעם טאטן זצ"ל דאס אז ער איז געווארן א ברסלבער חסיד אין יענע יארן. קיין איין גוטע זאך האט ער נישט געהאט דערפון דא אויף דער וועלט. עס דארף ארויס געברענגט ווערן אז ער האט געזען פאר זיך יעדע רגע די עולם הבא. מיר האבן געלעבט אין גרויס ארעמקייט פון ווען איך געדענק זיך פון אלס קליין קינד. שטענדיג.

"קיינער האט אונז נישט געוואלט אננעמען אין חדר צוליב דעם וואס מיר זענען געווען ברסלב'ער חסידים, מיר זענען געזעסן אינדערהיים אן קיין חדר, ביז איין טאג האט דער טאטע זצ"ל אנגעטראפן





רבי ישראל דוב אדעסער זצ"ל אין די יונגע און אין די מיטעלע יארן



זייער א געשמאקן איד, א סלאנימער חסיד, וועלכער האט רחמנות געהאט אויף אונז און גענומען אויף זיך צו קומען צו אונז יעדן טאג אונז אויסצולערנען חומש און צו ליינען און שרייבן!

דער טאטע זצ״ל האט מקפיד געווען צו ברענגען פאר יענעם איד מתנות, יעדעס מאל עפעס אנדערשט, איינמאל עסן, און אנדערע מאל א ספר, א דריטע מאל קליידער, און יענער האט זיך אזוי געפריידט דערמיט... אבער דאס האט נישט אנגעהאלטן א לאנגע צייט, וויבאלד מען האט יענעם באלד געמאכט פראבלעמען צוליב דעם וואס ער לערנט מיט די קינדער פון ר׳ ״ישראל בער״, און ער האט געמוזט אויפהערן.

ווען ר׳ פינחס גייט צוריק צו רעדן איבער יענע טעג, ווארפט ער אזוי ווי אראפ פון זיך א פעקל וואס ער האט געטראגן מיט זיך פאר לאנגע יארן, און אין זיינע אויגן זעט ער זיך צוריק אלס דער קליינער גע׳רודפ׳טער קינד פון אמאל.

״גיבט׳ס אפ א דאנק פאר׳ן רבונו של עולם, זעצט ר׳ פינחס פאר״, אז דער דור פונעם טאטן זצ״ל האט זיך מוסר נפש געווען פאר די קומענדיגע דורות, ווייל ווען אונז זענען נתקרב געווארן צו דער ברסלב׳ער חסידות, זענען מיר געווארן די ציל-ברעט פון אלע קינדער אין טברי׳. מען האט געלאכט פון אונז אין בית המדרש איבער דעם וואס מיר זענען ברסלב׳ער חסידים, זענען מיר צוליב דעם געגאנגען דאווענען אין דער ספרדישער בית המדרש, דארט איז געווען מער געשמאק, אבער דארט האבן מיר נישט פארשטאנען דעם דאווענען.

איין טאג, איך וועל דאס נישט פארגעסן, זענען מיר געגאנגען מיט די מאמע אויפ׳ן גאס אלע קינדער אינאיינעם, און א שטיין איז געקומען צופליען אויף אונז! עס האט געלאנדעט אויף די מאמע׳ס



אקסל, אבער די מאמע האט זיך ניטאמאל אויסגעדרייעט, ווי כאילו זי איז געוואוינט צו דעם! מיין גרויסער ברודער נחמן איז שוין געווען דעמאלט נאך די בר מצוה, און ער האט אנגעהויבן צו וויינען, דאס האט געמאכט אויף מיר א רושם ביז צום היינטיגן טאג.

איין טאג האב איך אפילו געזאגט צו מיר אליין אז איך דארף אפשרייבן א בריוו צום טאטן פארוואס מיר זענען געווארן ברסלב׳ער חסידים און אז ס׳איז שווער, און דערנאך אריינלייגן דעם צעטל אינעם טאטע׳נס רעקל. אבער יעדעס מאל איז מיר פארלוירן געווארן דאס צעטל. אפשר האט מען נישט געוואלט פון הימל, פירט ר׳ פינחס אויס.

לויט ווי איר שילדערט אייערע דורכגאנגען אלס קינד, וואס האט אייך געהאלטן פריילך?

ר׳ פינחס בלייבט שטיל אויף א רגע, און דאן ענטפערט ער מיט בענקשאפט: ווער ס׳האט אונז משמח געווען? ווער? איין רגע צו זיין אינאיינעם מיט׳ן טאטן איז אלעס ווערד געווען!

ר׳ פינחס ווערט נתרגש אזוי רעדענדיג, ארןמיר פארשטייען אז דער דאזיגער שמועס איז נישט אזוי פשוט פאר אים. ״ס׳איז געווען שווער,״ זאגט ווייטער ר׳ פינחס, אבער וואס איך געדענק איז אז ס׳האט נישט צוגענומען פון אונז די ״שמחת החיים״, ווייל ווען דער טאטע איז געווען אינדערהיים איז דער דרויסנדיגער וועלט פארשוואונדן געווארן, די חברים, די שכנים, די שפילערייען, גארנישט האט אונז נישט אינטערעסירט!

ווען דער טאטע איז געווען אינדערהיים, איז דא געווען א ״סצענע״, מיר קינדער זענען געקומען און זיך אוועקגעזעצט נעבן אים און אים נישט געוואלט אפלאזן, רוב פון זיין לעבן איז ער נישט געווען אינדערהיים, ער איז געווען אין מירון, אויפ׳ן פעלד מאכענדיג התבודדות, און אינדערהיים איז ער כמעט נישט געווען, בלויז אויף שבת פלעגט ער אהיימקומען, און אונז האבן ארויסגעקוקט א גאנצע וואך אויף שבת, און געשעפט שמחה פון שבת צו שבת.

## געזאנג אנשטעט עסן

די שבתים אין די הויז פון משפחת אדעסער איז געווען איינע פון די וואונדערליכסטע זאכן אויף וואס א אידיש יונגל קען נאר ארויסקוקן. אויב דורכאויס די וואך האבן זיי זיך געדרייעט צווישן ווייטאג און הונגער, איז ווען די טיר האט זיך געעפענט פרייטאג ביים הויז פון משפחת אדעסער און אויפ׳ן שוועל האט זיך באוויזן די פנים פון ר׳ ישראל זצ״ל, האט זיך אלעס געטוישט!

מיר פלעגן זיך זעצן ארום די טיש, דערציילט ר׳ פינחס, קיין סאך עסן איז נישט געווען, אבער דאס זינגען מיט׳ן טאטן זצ״ל איז פיל מער חשוב׳ער געווען ביי אונז, שמחה געזאנג און טענץ, דער טאטע האט געטאנצן ביז ער איז שוין געווען אינגאנצן אדורכגעשוויצמט, יעדן שבת. ער פלעגט איבערזינגען די זמירות איינמאל און נאכאמאל, און צום סוף האבן מיר זיך אוועקגעזעצט צו הערן פונעם טאטן זצ״ל סיפורי צדיקים.



ר׳ פינחס שטעלט זיך אפ צו שילדערן ווי אזוי עס האט אויסגעזען ווען זיין געהויבענע טאטע ר׳ ישראל דוב זצ״ל האט דערציילט סיפורי צדיקים און ער רעדט דערפון ווי כאילו עס וועלט איצט פאסירט: איך געדענק זיינע שיינענדיגע אויגן ווען ער האט בלויז אנגעפאנגען צו דערציילן. בעפאר דעם האט די מאמע אונז אנגעגאסן א גלעזל פון ווייסע טיי געמאכט פון בלעטער וואס זי זעלבסט האט געשניטן אינדרויסן דורכאויס די וואך. זי האט געזארגט דערפאר אז עס זאל האבן א קאליר, דער עיקר אבער אז עס זאל פארמאגן א קאליר.

אונז זענען געזעסן ארום די קליינע טיש, די מאמע איז געזעסן אין קיך, די מיידלעך אויפ׳ן ערד ארום, און דער טאטע זצ״ל האט אנגעהויבן צו דערציילן איין מעשה נאכ׳ן אנדערן. ער האט נישט דערציילט ער האט ״פארגעשטעלט״, יעדן געשטאלט פון וואס ער האט נאר גערעדט האט ער דאס ״אראפגעלייגט״ ווי כאילו ער איז איצט דארט. עס איז געווען ווי א געהעריגע פארשטעלונג מיט לעבעדיגע פארבן. מיר זענען געזיצן פארגאפט.

ער איז געווען אזוי שטארק אריינגעטון אין וואס ער האט דערציילט, אז טיילמאל ווען ער האט דערציילט איבער געהויבענע מענטשן צו וועמען ער האט געהאט געגועים, פלעגט ער זיך אפשטעלן פאר עטליכע מינוט און געקרעכצט מיט א בענקענדיגע טאן, אזש מיר האבן אים געדארפט ״אויפוועקן״, און ער האט זיך אזוי ווי ״אויפגעוועקט״ פון א חלום און געפרעגט וואו מיר זענען, דעמאלט האבן מיר אים דערמאנט און ער האט פארגעזעצט צו דערציילן מיט אזעלכע געגועים, ווי כאילו ער וויל צוריקגיין צו יענע תקופה.

ר׳ פינחס דערמאנט זיך פון די לעכטיגע שבתים אינדערהיים, און ער שטעלט קלאר אז די שבתים זענען געווען פיל מיט שמחה





אויף אזוי ווייט אז ס'האט "אפגעמעקט" וואכן פון גאר שטארקע שוועריגקייטן!

ביי א געוויסע שטאפל האבן מיר אלע פארשטאנען אז דער טאטע זצ"ל האט א ציל, און ער "פארט צום ציל" אן דעם וואס עפעס זאל אים קענען אפהאלטן, און ער האט דאס געטון מיט א ריינע אמת, נישט צולאזענדיג אז עפעס זאל אים שטערן דערפון. ווער עס האט דאס אבער פארשטאנען פונעם ערשטן טאג וואס ער איז נתקרב געווארן צו ברסלב איז געווען די מאמע.

ווי אזוי באמת האט זיך די מאמע אן עצה געגעבן מיט'ן דאזיגן פאקט אז דער טאטע איז געווארן א ברסלב'ער חסיד?

כדי צו פארשטיין די תירוץ דארף מען צוערשט וויסן ווער די מאמע איז געווען, זאגט אונז ר' פינחס, ר' פינחס ווערט ווידעראמאל שטיל, און דאן הויבט ער אן מיר א רירענדיגע שילדערונג גיבענדיג אונז צו פארשטיין ווער דאס איז געווען זיין טייערע מאמע.

מיין מאמע איז געווען אן אמת'ע אשת חיל, אזוי ווי אין די מעשיות פון אמאל און נאך א סאך מער. שטענדיג איז זי געשטאנען צו דער טאטע'ס זייט, זי האט שטענדיג געהיטן אויף אים, זי האט אים שטענדיג געלייגט ערשט, כאטשיג וואס עס איז געליגן אויף איר דער גאנצער עול. זי האט געוואוסט וויפיל דער טאטע'ס אמת'דיגקייט איז ווערד, און זי האט נישט מסכים געווען אים צו שטערן בשום אופן.

שטענדיג מוצאי שבת איידער דער טאטע זצ"ל איז פארשוואונדן געווארן פאר נאך א וואך, האבן זיי פשוט גערעדט מיט די אויגן. איך האב צוגעלייגט קאפ עטליכע מאל, איידער דער טאטע איז ארויס פון שטוב פלעגן זיי קוקן איינער אופ'ן אנדערן פונדערווייטענ'ס, א בליק וואס האט געדויערט א סעקונדע, אבער דער דאזיגער אויגן באגעגעניש איז געווען "אלעס", אזא סארט פון פארזיכערונג, איך פלעג קוקן אויף די מאמע, זי האט געהאט אזא קליינער שמייכל, ווי צו זאגן: איך בין מיר דיר! זיי האבן פארמאגט א קשר פון רוחניות'דיגע פארשטאנד וואס זיי האבן געבויעט מיט די צרות און דורכגענג, א קשר וואס קיין שום זאך האט נישט געקענט אפטיילן.

און דעמאלט ווען דער טאטע איז אוועקגעגאנגען, האט זיך די מאמע גענומען צו די ארבייט אן קיין אפשטעל. די מאמע האט געארבייט טאג און נאכט, בייטאג האט זי פארקויפט געווירצן, און ביינאכט פלעגט זי רייניגן אין די הייזער פון עשירים. דאנערשטאג פלעגט זי באקן חלות וואס זי האט דערנאך פארקויפט אום פרייטאג. זי האט געוואוסט ווי אזוי אנצוגרייטן עסן פון "גארנישט". זי פלעגט גיין סוף טאג אין מארק, און צוזאמקלויבן פון דער ערד אלעס וואס איז איבערגעבליבן, זי האט עס דערנאך באהאלטן אז מיר זאלן נישט זעען די שמוציגע און צעקוועטשטע גרינצייגן, און פון דעם האט זי געמאכט "גן עדן'אישע" עסנווארג!

פאר'ן עסן האט זי מקפיד געווען אז מיר זאלן אלע מאכן א הויכע ברכה אינאיינעם אויף דאס עסן. די גאנצע משפחה פלעגט אינאיינעם מאכן א הויכע ברכה, און דאס איז געווען א "סצענע", מען קען דאס נישט מסביר זיין!

***

מרת אדעסער האט זיך נישט בלויז געזארגט פאר אירע קינדער'ס עסן, מיט איר קלוגשאפט האט זי געזען די מצב פון אירע קינדער, און מער ווי זי האט געזארגט פאר זייער עסן, האט זי געזארגט צוצושטעלן "עסן" פאר זייער נפש, אז זיי זאלן זיין פריילך און גוט אויפגעלייגט און פארשטיין די זכי' און חשיבות וואס זיי פארמאגן.

זי האט מקפיד געווען, עראינירט זיך ר' פינחס, אינאכט צונעמען אז מיר זאלן א גאנצע צייט זיין פריילך, אויפצוהייבן אונזער מוט, און זי פלעגט אונז נישט אפלאזן ביז מיר האבן געמאכט אזא שמייכל אין וואס מען האט ארויסגעזען אלע ציינער. פון איר שטאנדפונקט איז דאס נישט געווען קיין קלענערע עבודה ווי די עבודה צו געבן עסן פאר אירע קינדער. זי איז געשטאנען אזוי ווי א גענעראל, און געווערטשאפט אויף אלע שטוב אויפגאבעס, ווען יעדער איינער פון אונז קינדער האט אן אנדערע אויפגאבע, יעדעס קינד לויט זיינע אייגענשאפטן.

זי האט דאס געטון מיט אזויפיל קלוגשאפט, צום ביישפיל, א קינד וואס איז געווען א פוילער פון נאטור אויס, האט זי אים אויפגעהויבן מיט'ן צוטיילן קליינע ארבייט, אז ער זאל זיך פרייען דערמיט און מיט די דאזיגע שמחה און סיפוק וועט ער וואקסן העכער.

צום ביישפיל, אויב האט זי געזען אז א קינד האט נישט קיין כח צו מסדר זיין, האט זי אים צוגעטיילט די אויפגאבע זיך צו זעצן די ערשטע ביים טיש, אזוי אז די אנדערע קינדער זאלן פארשטיין אז איצט איז די צייט צו עסן!

אין די תקופה וואס זי איז געווען ל"ע קראנק בסוף ימי' האבן מיר געזען דעם טאטן'ס איבערגעגעבענקייט פאר איר אן קיין גרעניצן. דער טאטע זצ"ל האט אלעס איבערגעלאזט און געשטאנען צו איר זייט און צו דערפרייען. ער האט איר געקויפט מתנות, און יעדעס מאל האט ער געטראפן עפעס אנדערשט מיט וואס איר צו דערפרייען. אין יענע תקופה איז ער נישט ארויס אין די פעלדער און נעלם געווארן ווי זיין סדר, נאר ער איז געשטאנען צו איר זייט מיט מסירות נפש ממש. אונז האבן געזען זיין גרויסקייט פונדערנאענט.

וואס האט איר געטראכט אלס קליינע קינדער - וואו ווערט דער טאטע פארשוואונדן פאר א גאנצע וואך?

ר' פינחס: מיר קינדער האבן געוואוסט אז אונזער טאטע קען טון דריי זאכן: לערנען, דאווענען און טאנצן. ווען ער איז געווען אינדערהיים האט ער געהאלפן אן קיין אפשטעל, ער פלעגט נישט אהיימקומען כדי זיך אפצורוען, נאר צו ארבעטן און יעדן העלפן. חס ושלו' מען זאל זאגן אז ער איז געווען א פוילער מענטש, אויב די מאמע האט עפעס געבעטן האט ער זיך מוסר נפש געווען פאר דעם. מיר האבן אבער געוואוסט אז ער דארף דינען דעם אויבערשטן.

ס'איז געווען א תקופה וואס ס'איז כמעט נישט געווען וואס צו עסן אין שטוב אויסער א שטיקל ברויט, און דער טאטע זצ"ל האט באשלאסן אז ער הויבט אן צו ארבעטן פאר פרנסה, ס'איז אבער נישט געגאנגען. ביי יעדע ארבייט וואס ער האט נאר אנגעהויבן, האט ער נישט אנגעצויגן



ביים ציון הקדוש אין אומאן

